**לעילוי נשמת**

הוו"ח ר' **שמואל פסח** ב"ר **יעקב דוד** ע"ה

נפטר ביום ג' תשרי - צום גדלי' ה'תשנ"ה

וזוגתו האשה החשובה מרת **פריידל חדוה**

ב"ר **זאב וואלף** ע"ה

נפטרה ביום ד' אדר שני ה'תשנ"ה

**פייס**

**ת. נ. צ. ב. ה.**

*

**נדפס ע"י חתנם ובתם**

הרה"ת ר' **שניאור זלמן הלוי** וזוגתו מרת **אסתר שיינדל**

**ומשפחתם** שיחיו **שגלוב**

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind



# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

**ש נ י א ו ר ס א ה ן**

**מליובאוויטש**

## פ ק ו ד י

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ושלש לבריאה

מאה שנה להולדת כ"ק אדמו"ר מה"מ

## פקודי ב

א. אין דעם טעם פארוואס מ׳גע־פינט אין דער תורה ביי מלאכת ובנין המשכן, אז משה רבינו האט געגעבן א חשבון וואס מ׳האט געמאכט פון דעם כסף ונחושת[1] פון נדבת המשכן אבער ניט וואס מ׳האט געמאכט פון דעם זהב[2] — זאגט דער כלי יקר[3], אז ווי נאר מ׳האט פארענדיקט אלע מלאכות המשכן (בכלל ובפרט) און אלץ וואס מ׳האט געדארפט מאכן פון כסף ונחושת איז בכדי „להוציא את עצמו מן החשד”[4] האט משה (נאך איידער מ׳האט גע־מאכט די בגדי כהונה אין וועלכע ס׳איז געוועזן זהב) געוואלט געבן א חשבון פון דעם כסף ונחושת און ער האט ניט גע־וואלטווארטן מיטן חשבון (ביז מ׳וועט מאכן די בגדי כהונה[5] און ערשט דאן געבן דעם חשבון פון דעם זהב צוזא־מען מיט די כסף ונחושת).

און דאס וואס ער האט ניט געמאכט קיין חשבון פונעם זהב תיכף נאכן גמר עשיית בגדי כהונה, איז ער מבאר ע״פ דברי המדרש[6]: „כשבא משה לתת חשבון על כל דבר ודבר חסר מן המשקל אלף ושבע מאות וחמשה ושבעים שקלים ושכח ולא הי׳ יודע מה עשה מהם יצאה בת קול ואמרה ואת האלף ושבע המאות וחמשה ושבעים עשה ווים לעמודים לקיים מה שנאמר[7] לא כן עבדי משה בכל ביתי נאמן הוא”.

ד. ה. אע״פ אז דאס וואס דער בת־קול האט עדות געזאגט „ואת האלף גו׳” איז געווען וועגן כסף (ניט — זהב), ווי־באלד אבער אז אידן האבן געזען אז מן השמים איז מען מעיד אויף משה׳ן, האבן זיי שוין ניט געדארפט האבן א חשבון אויפן זהב.

דער ביאור[8] איז אבער ניט גלאטיק[9], ווייל: א) די ווערטער „ואת האלף ושבע מאות גו׳” (וואס דער בת קול האט עדות געזאגט) וועגן דעם חשבון פון כסף שטייען אין פסוק לפני דעם חשבון פון

---

1) לח, כה ואילך.

2) רק נאמר באופן כללי (לח, כד) כל הזהב העשוי למלאכה בכל מלאכת הקודש ויהי זהב התנופה תשע ועשרים ככר וגו׳.

3) ריש פרשתנו. וראה השקו״ט כו׳ בראב״ע לח, כד וכן בפירושו הקצר שם. רמב״ן ורבותינו בעה״ת ריש פרשתנו. פענח רזא. תולדות יצחק. ועוד. וראה לעיל ע׳ 277 ואילך.

4) ל׳ הכלי יקר שם.

5) וראה ראב״ע בפי׳ הקצר בסופו במה שהקשה על פי׳ „הגאון”: ואיך יספיק חצי ככר ומעט יותר לצפוי חמשה עשר בריחים ושתי משבצות וכן שרשרות ושתי טבעות וציץ נזר הקודש ופעמוני זהב כו׳ וזהב במעשי האפוד והחושן ובשבוצם.

6) הובא ברבינו בחיי כאן. וראה שמו״ר פנ״א, ו. זח״ב רכו, ב. ועוד.

7) בהעלותך יב, ז.

8) ולהעיר שלפי׳ הזהר (ח״ב רכג, א) ואוה״ח ריש פרשתנו ד״ה עוד ירצה — לא בא החשבון מפני החשד של ישראל. ואפילו לא מפני והייתם נקיים (י״א בכלי יקר כאן. וראה תנחומא כאן ה. שמו״ר פנ״א, ב. ב״ח לטיו״ד סרנ״ז. וראה גם מדרש לקח טוב כאן. פענח רזא וצרור המור). וראה אברבנאל כאן עוד טעם.

9) ויש לתרץ דברי הכלי יקר: בנוגע לשאלה הא׳ י״ל שמשה נתן החשבון מהכסף והנחושת ביחד ואז נתעוררה הקושיא ע״ד האלף גו׳ ואז יצאה בת קול כו׳ אלא שכמובן בתורה נכתב כל אחד בפ״ע והחשבון דנחושת התנופה נאמר ע״י משה לפני „ואת האלף גו׳” אלא שנכתב במקומו כרגיל בכ״מ בקרא.

בנוגע לשאלה הב׳ י״ל שרצה הקב״ה שיתן חשבון להודיענו — להורות שצריך האדם לצאת ידי שמים וידי הבריות ולתת חשבון גם אם לא נחשד כבמקומות שבהערה 8.





* * *

בימינו אלה, שמאז כלה חמתו בביהמ״ק, ולאחרי „מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות”[8], ולאחרי כל הגזירות והשמדות ר״ל ור״ל שסבלו בנ״י באריכות וקושי הגלות האחרון, ובפרט גזירת השואה בדור האחרון, בודאי נעשה הצירוף והזיכוך בשלימות, „די והותר” — נעשה הענין ד„סמך מלך בבל”[9] אך ורק באופן של טוב הנראה והנגלה לעיני בשר, ובלשון חז״ל[10] שהקב״ה אומר לישראל „בני אל תתייראו, כל מה שעשיתי[11] לא עשיתי אלא בשבילכם . . הגיע זמן גאולתכם”!

ובדורנו זה (ובפרט בשנה זו, „הי׳ תהא שנת נפלאות אראנו”) צריכה להיות עיקר ההדגשה . . בהענין ד„סומך נופלים”, לחזק ולעודד את רוחם של בנ״י . . כולל ובמיוחד — החיזוק והעידוד ע״י האמונה בביאת המשיח ובטחון גמור ש„הנה זה (משיח צדקנו) בא”[12], וההוספה בהכנה לביאתו ע״י התשובה וקיום התומ״צ, ובלשון ההכרזה דכ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו: „לאלתר לתשובה לאלתר לגאולה”[13], „שובה ישראל עד ה׳ אלקיך, והכן עצמך ובני ביתך לקבל פני משיח צדקנו הבא בקרוב ממש”[14].

(משיחות ש״פ ויחי (ועשרה בטבת יהפך לשמחה) תנש״א)

---

8) תניא רפל״ז.

9) יחזקאל כד, ב.

10) ילק״ש ישעי׳ רמז תצט.

11) כולל גם הפעולה דמלך בבל שאינו אלא כגרזן ביד החוצב בו.

12) שה״ש ב, ח. וראה שהש״ר עה״פ (פ״ב, ח (ב)).

13) אג״ק שלו ח״ה ס״ע שסא ואילך. שעז ואילך. תח ואילך. ועוד.

14) „היום יום” — ט״ז טבת.

# יא.

**מצינו בגדעון ש„בימיו היו ישראל בצרה והי' הקב"ה מבקש אדם שילמד עליהם זכות . . כיון שנמצא זכות בגדעון שלמד עליהם זכות, מיד נגלה אליו המלאך, שנאמר וירא אליו מלאך ה' ויאמר לו לך בכחך זה,** בכח זכות שלמדת על בני"[1], **„אמר הקב"ה, יש בך כח ללמד סניגוריא על ישראל,** בזכותך הם נגאלים"[2].

**. . . הלימוד זכות בנוגע לקירוב וזירוז הגאולה — שכיון שכבר „כלו כל הקיצין"[3], עוד בזמן הגמרא, ועאכו"כ לאחרי אריכות וקושי הגלות במשך יותר מאלף ותשע מאות שנה** ועדיין לא בא . . . **ובנוגע לתשובה („אין הדבר תלוי אלא בתשובה"[3]) — כבר עשו תשובה, שהרי אין לך אדם מישראל שלא הרהר תשובה (לא רק פעם אחת, אלא) כמה פעמים במשך ימי חייו, שעי"ז נעשה „בשעתא חדא וברגעא חדא"[4] מרשע גמור צדיק גמור, כפס"ד הגמרא[5] שהמקדש את האשה „על מנת שאני צדיק (גמור[6]) אפילו רשע גמור מקודשת שמא הרהר תשובה" — הרי בודאי ובודאי שמשיח צדקנו צריך לבוא** תיכף ומיד ממש, **אשר, כדאי הוא לימוד זכות זה לגאול את ישראל, ובפרט שנוסף על הלימוד זכות, ה"ז גם פס"ד** של כו"כ רבנים ומורי־הוראה בישראל, **וכיון שהתורה „לא בשמים היא"[7], הרי, פס"ד זה בב"ד של מטה מחייב כביכול ומזכה גם את ב"ד של מעלה,** וכן **יקום!**

---

1) תנחומא שופטים ד.

2) ילי"ש שופטים רמז סב.

3) סנהדרין צז, ב.

4) זוה"א קכט, סע"א.

5) קידושין מט, ב. רמב"ם הל' אישות פ"ח ה"ה. טושו"ע אה"ע סל"ח סל"א.

6) ע"פ גירסת האור זרוע סקי"ב.

7) נצבים ל, יב. וראה ב"מ נט, ב.





נחושת — **איז כשם ווי משה האט נאכן בת־קול ניט געדארפט געבן א חשבון פונעם זהב, אזוי האט ער אויך ניט גע־דארפט אפגעבן דעם חשבון פון נחושת! ב) בכל אופן: אויב ס'איז געווען א בת קול בכדי צו מודיע זיין מן השמים אז משה „נאמן הוא" — פארוואס איז דאס געווען אין אן אופן (— זמן) אז ער זאל פארשפארן צו געבן א חשבון נאר פונעם זהב און ניט בזמן כזה אז ער זאל אינגאנצן ניט דארפן געבן קיין חשבון — אויך ניט פון די כסף ונחושת שהרי כלפי שמיא גליא אז מען וועט חושד זיין?**

**ב. ויש לומר אז „פקודי המשכן . . אשר פוקד על פי משה" איז (ניט סתם געבן א חשבון, נאר ס'איז) נוגע צו דעם עצם ענין המשכן, ובהקדים:**

**לכאורה, פארוואס חזר'ט דא איבער די תורה נאכאמאל בתחלת הפרשה (גלייך נאך דעם ערשטן פסוק) „ובצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה עשה את כל אשר צוה ה' את משה ואתו אהליאב בן אחיסמך למטה דן חרש וחושב גו'"[10]? מען ווייס דאך שוין פון פריער אז זיי זיינען געווען די עושי המלאכה[11]?**

**לויט מדרשי רז"ל[12], און אזוי אויך לויט פרש"י[13], קומט די תורה דא לאזן וויסן אז „עשה את כל אשר צוה** ה' **את** משה" **— „אשר צוה אותו משה אין כתיב כאן אלא כל אשר צוה ה' את משה, אפילו דברים שלא אמר לו (משה)** **רבו הסכימה דעתו למה שנאמר למשה בסיני"[14].**

**דאס דארף לכאורה אבער האבן א הסברה נוספת[15]: פארוואס שטייט דאס** צווישן **דעם פסוק „אלה פקודי המשכן גו' אשר פוקד על פי משה" און דעם חשבון „כל הזהב גו' וכסף פקודי העדה". עס האט געדארפט שטיין אדער** פריער **(בס"פ ויקהל), אדער נאך די פסוקים וואו עס ווערט געגעבן דער חשבון פון דעם זהב וכסף ונחושת.**

**ג. והביאור בזה יש לומר:**

**דער משכן האט געדארפט זיין שייך צו כלל ישראל[16]. ער ווערט אנגערופן בריש פרשתנו „משכן העדות — עדות** לישראל **שויתר להם הקב"ה על מעשה העגל שהרי השרה שכינתו ביניהם"[17]. און די נדבות פון אלע י"ג (ט"ו) דברים האט מען געדארפט אוועקגעבן באופן אז זיי זאלן אינגאנצן באלאנגען צום ציבור, ניט בלייבן שייך צו א יחיד[18]. און דאס איז געווארן דורכדעם וואס מ'האט אלץ געבראכט צו משה רבינו, וואס ער איז געווען דער נשיא כל ישראל, וע"י**

---

10) לח, כב־כג.

11) שכבר נאמר הן בהציווי (תשא לא, ב ואילך. ויקהל לה, ל ואילך) הן בעשייתן בפועל (ויקהל לו, א ואילך).

12) ראה רמב"ן לח, כב דעת רבותינו.

13) עה"פ.

14) פרש"י עה"פ.

15) ועוד: זהו רק ביאור על הנאמר בפסוק הא' שבצלאל גו' עשה את כל אשר צוה ה' גו', ולא במש"נ בפסוק הב' „ואתו אהליאב גו'". אף שי"ל בפשטות שהזכיר אהליאב כאן אגב גררא דבצלאל — ראה פרש"י ויקהל לה, לד.

16) וכמו בביהמ"ק דדוד גבה הכסף מכל שבט ושבט, ולכל ישראל חלק במקום המקדש — ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך „ביהמ"ק — בעלותו". וש"נ. אלא שי"ל שבמשכן הוא יתירה מזה כדלקמן בפנים.

17) לי רש"י עה"פ.

18) דצריך למסרם לצבור יפה יפה (ר"ה ז, סע"א ואילך. וש"נ).

זה איז די גאנצע תרומה וואס אידן האבן געבראכט געווארן נכסי ציבור[19].

לאחרי ווי משה האט אפגעגעבן די נדבות המשכן[20] צו בצלאל ואהליאב (און כל איש חכם לב) אויף צו טאן מיט די נדבות די אלע מלאכות המשכן,

(ובפרט את״ל אז זיי האבן ניט גענו־מען קיין שכר פאר דער ארבעט[21]),

האבן זיי דורך זייער עשי׳ באקומען א מעין בעלות אויף די מלאכות המשכן וויבאלד אז שם האומנין על המלאכה[22] (כאטש עס איז ניט אינגאנצן ארויס־געגאנגען פון בעלות של הציבור)[23].

און דערפאר האט געדארפט זיין „פקודי המשכן גו׳ אשר פוקד על פי משה״: נאך דעם ווי בצלאל וכו׳ האבן פארענדיקט די מלאכת המשכן, האט געדארפט זיין א פעולה (די פקידה ומנין דורך משה רבינו), אין די אלע מלאכות המשכן אז זיי זאלן אינגאנצן זיין נכסי המשכן, וועלכער איז עדות לישראל, כלל ישראל. דערמיט האט מען זיי ארויסגענומען פון דער שייכות וואס האט זיך געשאפן דורך עשיית בצלאל ואהליאב וכל חכמי לב — צו ווערן לגמרי נכסי ציבור.

[וועוד ענין: ניט נאר זייער קידוש אלס נכסי הקדש בכלל האט געדארפט זיין דורך משה רבינו, נאר אויך דער ענין מיוחד צוליב וועלכן יעדער פרט איז געמאכט געווארן האט געדארפט זיין דורך משה רבינו, און דאס האט זיך אויפגעטאן דורך דער פקידה ע״פ משה, לאחרי עבודתם של בצלאל וכו׳].

און דעריבער איז די תורה מפסיק און זאגט גלייך נאכן פסוק „אלה פקודי המשכן גו׳ אשר פוקד על פי משה״ די צוויי פסוקים „ובצלאל גו׳ ואתו אהליאב גו׳״, איידער זי רעדט וועגן דעם חשבון

19) כי אף ש„יחיד שהתנדב משלו כשרין ובלבד שימסרם לצבור״ (ר״ה שם) — הרי ישנו חשש שמא לא ימסרם יפה יפה (ראה יומא לה, ב תוד״ה ניחוש שם), ופשיטא שכשהמדובר בנדבת המשכן שכ״א מישראל הביאו, גם נשים, דיש לחוש לזה. ובכל אופן, אין לומר שהמסירה לצבור בכ״א הוא בשוה. ועוד, מכיון שבנדבת המשכן קבלו גם מן הקטנים (אבות דר״נ פי״א, א בסופו) אין לומר שימסרם לצבור יפה יפה.

ולהעיר ממרז״ל שקטן קונה ואינו מקנה (ראה שו״ע חו״מ סרמ״ג סט״ו. וש״נ). ואכ״מ.

ולכן בכדי שייעשו נכסי צבור לגמרי הוא ע״י משה, ש„נשיא הדור הוא ככל הדור כי הנשיא הוא הכל״ (רש״י חוקת כא, כא), והוא מלך (רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״ו הי״א) ש„לבו הוא לב כל קהל ישראל״ (רמב״ם הל׳ מלכים פ״ג ה״ו), ולכן דוקא ע״י משה נעשה נכסי ציבור בשלימות, — וי״ל שהוא ע״ד שע״י המלך והנשיא נעשים כל ישראל בגדר ציבור (ראה שו״ת הרשב״א ח״א סי׳ קמח: המלך כצבור שהצבור וכל ישראל תלוין בו).

ועוד: זה שיחיד יכול להתנדב ולמסרם לצבור הוא לאחרי שישנה מציאות הציבור ונכסי (הקדש ו)צבור (בביהמ״ק), אבל בנדו״ד הוצרך לחדש כל עיקר ענין התאחדות הציבור בתרומת המשכן, וזה נעשה ע״י משה.

20) ראה ויקהל לו, ג.

21) ראה פנים יפות ריש פרשתנו ד״ה איתא בילקוט. ועוד.

22) ראה צפע״נ עה״ת ויקהל לז, א. ו. וגם לפמ״ש שם עה״פ תשא לא, ג הרי עכ״פ בנוגע לאהליאב שייך דאומן קונה בשבח כלי, כמ״ש שם.

23) והיינו גם להמ״ד דאין אומן קונה בשבח כלי (ראה ב״ק צח, ב ואילך. רמב״ם הל׳ שכירות פ״י ה״ד. שו״ע חו״מ סשו״ו ס״ב. ש״ך שם סק״ג. וראה בפרטיות בזה אנציקלופדי׳ תלמודית בערכו. וש״נ) — הרי עכ״פ י״ל דשמו עליו. ראה בצפע״נ שצוין בהערה שלפנ״ז.

ועפ״ז מובן דאף שהאומנין יכולין לנדב הן מלאכתן והן השכר שלהם (ראה פנים יפות שם) הרי ע״ז לא נתבטל לגמרי שם האומן. משא״כ כשמקבלין שכר. ולהעיר מלקו״ש ח״י ע׳ 62 ואילך (בזה שאברהם ודוד שלמו כסף מלא דוקא).





דערנאך האט זיך אויפגעטאן די השראת השכינה מלמעלה — „וכבוד ה׳ מלא את המשכן״[53] ביז אין אן אופן אז „ולא יכול משה לבוא אל אוהל מועד כי שכן עליו הענן גו׳״[54].

און די צוויי הפכים זיינען מרומז אין די צוויי פירושים אין „פקודי״: פקודי מלשון מנין — וואס משה רבינו האט געציילט און געמאכט דעם חשבון פון די נדבות המשכן — ווייזט אויף דעם גבול שבמשכן; און „פקודי״ מלשון פקידה ויחוד — אויף דער המשכת הבלי גבול (אין גבול).

ט. דער פנימית׳דיקער פירוש אין די צוויי הפכים הנ״ל אין „פקודי״ איז ניט נאר אז אין משכן זיינען געווען ביידע הפכים — גבול און בלי גבול — נאר נאכמער: אז ביידע זיינען געווארן איין זאך; דער גבול גופא (פון משכן) איז ניט בטל געווארן פון זיין הגבלה, וביחד עם זה געווארן (איין זאך מיטן) בלי גבול[55].

און ווי מ׳האט געזען בגלוי אין דעם ארון — וואס דארטן איז געווען עיקר המשכן, מנוחת השכינה — אז „מקום ארון אינו מן המדה״[56]. איז דער פירוש אין דעם, אז ניט נאר איז אין דעם מקום הארון געווען גילוי שכינה (וואס איז אינו מן המדה), נאר דער מקום הארון גופא איז געווען „אינו מן המדה״. נאכ־מער: דוקא בשעת דער ארון איז גע־ווען אין א מדידה ובכל הפרטים (אורך, רוחב, קומה) — אמתיים וחצי ארכו ואמה וחצי רחבו ואמה וחצי קומתו — איז ער (בבת אחת) געווען „אינו מן המדה״[57]

דער אויפטו פון משכן איז, אז דער גבול גופא איז בלי גבול.

און דאס איז די שייכות צווישן די צוויי פירושים אין פקודי: משה רבינו האט געמאכט דעם גענויעם חשבון פון נדבת המשכן, און דער חשבון גופא (וואס משה רבינו האט געציילט) האט אויפגעטאן[58] די פקידה ויחוד, די המשכת השכינה וקדושה וואס איז העכער פון גבול באופן של יחוד מיט דעם גבול — כולל, אז דער גבול ווערט נצחי.

(משיחות ש״פ פקודי תשכ״ה,

ש״פ ויק״פ תשמ״ג)

לקו״ש חכ״ו ע׳ 280

53) פרשתנו מ, לד־לה.

54) מ, לה.

55) ראה בארוכה לקו״ש ח״ג ע׳ 904 ואילך.

56) יומא כא, א. וש״נ.

57) ראה לקו״ש ח״א ע׳ 319 ואילך.

58) להעיר מזהר ואוה״ח שנסמנו לעיל הערה 8 בתחלתה.

. . . והרי נמצאים אנו בחדש אדר הוא חדש הסגולה שבו נאמר ונהפוך הוא וגו׳ ורבים מעמי הארץ מתייהדים וגו׳ ועד״ז בדקות שהענינים דעמי הארץ (עיין לקו״ת דברים צ׳ ד) נעשים באופן שהם מתייהדים (וכדרז״ל כל הכופר בע״ז נק׳ יהודי) ויהי רצון שיעשה כל זה מתוך הרחבה אמיתית בגשמיות וברוחניות . . .

(ממכתב כ׳ אדר, תשי״ח)

פון כל הזהב גו׳ און דעם חשבון פון כסף ונחושת וכו׳ —

דערמיט איז מוסבר דער תוכן און דער צורך פון דער פקידה שעל פי משה[24].

**ד.** דאס אלץ איז בנוגע צו מלאכת המשכן. בנוגע אבער צו בגדי כהונה געפינט מען אז גלייך בשעת הציווי למשה וועגן די בגדי כהונה, „ואתה[25] הקרב אליך" זאגט רש״י „לאחרי שתגמור מלאכת המשכן". ד.ה. די בגדי כהונה ועשייתן (וואס דורך בגדי כהונה ווערט דער „לקדשו לכהנו לי" פון אהרן[26] ובניו) איז ניט באמצע, אדער בכלל פון

24) ומה שהפקידה היתה רק ב(זהב ו)כסף ונחושת ולא בשאר עניני המשכן (קרשים יריעות וכיו״ב) — יש לומר שהוא ע״ד קנית כל הבית ע״י (קביעת) השער (ב״ב נג, ב. טושו״ע חו״מ סקצ״ב ס״ג), המפתח (רשב״ם ב״ב נג, א ד״ה והשתא. אבל ראה טושו״ע שם ס״ב ובנ״כ שם. וראה שו״ע אדה״ז או״ח סתמ״ח סי״א: במקום שנוהגין כו׳. שם סי״ג): נעילת הדלת במפתח, עשה מנעול לדלת (כהדיעות בטושו״ע שם ס״ג) — כן אפ״ל גם בכתלי וגג (קרשים וכו׳) המשכן* ע״י יתדות המשכן והחצר, ובזה הי׳ פקידה**. ואכ״מ.

25) תצוה כח, א.

26) שם, ג ובפרש״י.

*) ועצ״ע בכלי המשכן שלא היתה בהם פקידה פרטית, אלא ש(הזהב שבהם) נכללו בחשבון הכללי של הזהב העשוי למלאכה (מנורה וכפורת — זהב טהור, הארון והשלחן והמזבח הפנימי — מצופים זהב*).

ואולי גם בזה יש לומר (כבפנים ההערה) כי הם פרטים וחלקים דהמשכן ולכן „נקנים" אגב יתדות המשכן וכו׳ (— הפקידה פרטית דכסף ונחושת). ובפרט לדעת הרמב״ם (סהמ״צ מ״ע כ. וראה שם שרש יב) דהכלים כלם מחלקי המקדש והכל יקרא מקדש ונכלל בהמ״ע ד„ועשו לי מקדש" (וראה בארוכה לקו״ש ח״א ע׳ 116 ואילך. לקו״ש חכ״א ע׳ 252 ואילך).

ומה שהוצרכה להיות פקידה כללית בנוגע להזהב (דהכלים), משא״כ בנוגע היריעות כו׳ לא היתה פקידה כלל (דדוחק גדול לומר דפקידתם ע״י הקרסים שלהם) — יש לומר, כי הכלים הם עכ״פ ענין בפ״ע, כלי המקדש (אלא שלדעת הרמב״ם הם בכלל המ״ע דועשו לי מקדש), משא״כ היריעות כו׳ הם חלק מגוף הבית עצמו. ועד״ז בנוגע להקרשים — נוסף (ועיקר) שאדניהם (המעמיד שלהם) נפקדו.

ועפ״ז מובן ג״כ מה שבנוגע ל„מזבח הנחושת ואת כל כלי המזבח" (פרשתנו לח, ל) היתה פקידה פרטית — כי המזבח הוא עיקר ענין הבית, וכלשון הרמב״ם (ריש הל׳ ביהב״ח) „מ״ע לעשות בית להו׳ מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות" (וראה לשונו בסהמ״צ שם. וראה מנ״ח מצוה צה (דבלא מזבח אינו קרוי בית המקדש כי עיקר מקדש להקריב קרבנות), ובהמובא בלקו״ש ח״א ע׳ 122 הערה 47). ומפורש (בנדו״ד) בנוגע למזבח „מה מזבח משל ציבור כו׳" (מנחות כב, א. תו״כ ויקרא א, ה. וראה ר״ש משאנץ שם). אף דכל המקדש ומקומו שייך לצבור (כנסמן לעיל הערה 16. וראה זבחים קטז, ב ובפרש״י שם. ספרי נשא ז, כו בסופו. ועוד). וראה פרש״י יתרו כ, כא בנוגע למזבח „שתהא תחילת עשייתו לשמי". וראה מכילתא שם. צפע״נ על הרמב״ם הל׳ תרומות פ״א ה״א־ב (ד, ב). וראה לקמן הערה 42. ואכ״מ.

**) ומה שלא די בזה שהביאו את המשכן אל משה, „את האהל ואת כל כליו גו׳" (פרשתנו לט, לג ואילך), והוא הקים את המשכן בפועל*, והביא כל הכלים אל מקומם כו׳ כאשר נצטווה (שם מ, ב ואילך) — יש לומר, כי בהמשכן הוצרך להיות לגמרי נכסי ציבור — בכל פרט וזמן שבו, גם בהיותם חלקי המשכן בפ״ע. ועי״ד מ״ש בצפע״נ עה״ת (ויקהל לה, י) דכל פרט ופרט מהמשכן הוה מצוה ולא כבביהמ״ק ולכן קיי״ל (במקדש) בונין בחול כו׳ אבל משכן שאני דזה גופא מצוה. ע״ש (ובהנסמן שם).

*) להעיר מלקו״ש חט״ז (ע׳ 310 ואילך. וש״נ) — שלדעת הרמב״ם ציפוי הכלים מבטל דין טומאה שעל הכלים. עיי״ש.

*) אלא שבזה י״ל דאינו שייך לכאן, כי בני ישראל לא היו יכולים להקימו (תנחומא ופרש״י שהובא לקמן הערה 41). ועוד: גם משה לא הקימו בכחו כ״א „עסוק אתה בידך נראה כמקימו והוא נזקף וקם מאליו" (ל׳ רש״י שם. ועד״ז בתנחומא).





לדורות, זיי זיינען נאר א פרט (מוכרח) אין דעם לכהנו פון די כהנים העובדים בביהמ״ק. געפינט מען ניט בא זיי[44] אז נגנזו צוזאמען מיט׳ן אוהל מועד קרשיו כו׳[45], דעם ענין הנצחיות.

**ז.** וי״ל אז דער ביאור הנ״ל אין דעם אויפטו פון „פקודי המשכן . . על פי משה" — אז דער מנין ע״פ משה האט אויפגעטאן דעם קשר צווישן דעם משכן וכליו צו משה׳ן — איז אויך מתאים מיטן פירוש הפנימי אין „אלה פקודי המשכן", ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין דער „חסידי׳שער פרשה" פון דער וואך — אין לקוטי תורה[46]:

ער זאגט דארט, אז דער פירוש פון „פקודי המשכן . . פוקד על פי משה" איז פון לשון[47] „חייב אדם לפקוד את אשתו", ווייל „היחוד נק׳ פקידה" (אז דורך „פקודי המשכן . . פוקד על פי משה" איז געווארן דער יחוד פון ו״ה — יחוד ז״א און מלכות, און דערנאך דער יחוד פון י״ה).

וי״ל אז דאס איז אויך (נשתלשלו מהם), אז דורך „פוקד על פי משה" איז געווארן א יחוד צווישן דעם משכן מיט משה׳ן[48], עס איז געווארן איין זאך מיט משה רבינו, כנ״ל בארוכה.

**ח.** דער פירוש הנ״ל אין „פקודי" — מלשון „חייב אדם לפקוד את אשתו" — איז ניט קיין באזונדערער פירוש פון פירוש הפשוט (מלשון מנין וחשבון), נאר זיי זיינען תלוי זה בזה: ווי אזוי האט זיך אויפגעטאן די „פקידה" און יחוד פון משכן מיט משה רבינו — איז דאס דורך ענין המנין.

וועט מען דאס פארשטיין בהקדים: לכאורה זיינען די צוויי פירושים הנ״ל אין „פקודי" — מנין און יחוד — פירושים הפכיים: „מנין" איז די דרגא הכי חיצונית ותחתונה פון דער זאך, ועוד — זי איז מדגיש די הגבלה פון די זאכן וועלכע מען ציילט, לא פחות ולא יותר. משא״כ דער ענין פון „פקידה" ויחוד ווייזט אויף א התאחדות הכי פנימית ביז אז והיו לבשר אחד[49], המשכה וואס איז למעלה ממדידה והגבלה. ביז אז דורך דעם ווערט נמשך דער כח הא״ס למטה[50].

וויבאלד אבער דאס זיינען צוויי פירושים אין דעם זעלבן ווארט, איז פארשטאנדיק (ווי גערעדט כמה פעמים[51]), אז (נוסף ע״ז וואס זיי זיינען הפכיים זמ״ז — זיינען זיי אויך (וג״ז עיקר)) שייכים ותלויים זה בזה.

והביאור בזה: אין דעם באשטייט דער אויפטו פון משכן — וואס מען נעמט דברים מוגבלים דוקא, און אין דעם גבול איז מען ממשיך דעם בלי גבול[52], ביז באופן פון ושכנתי. וכפשטות הענין: פריער האט מען געבויט דעם משכן, און

44) ולהעיר ממרז״ל דשמיר הי׳ מוכרח בעשיית ביהמ״ק ע״י שלמה (סוטה מח, ב. גיטין סח, א).

45) אבל באבות דר״נ שם: דברים העשוין וגנוזין ואלו הן . . ובגדי כהונה. והכוונה שם לבגדי כהונה של המשכן, שהרי בא בהמשך לכל הדברים שבמשכן (אוהל מועד וכלים שבו וארון ושברי לוחות וצנצנת המן והמטה ומקלו של אהרן שקדי׳ ופרחי׳).

46) ד, סע״ג ואילך. וראה לקוטי לוי״צ הערות לזהר ח״ב ריש פרשתנו.

47) יבמות סב, ב.

48) ולהעיר מהמבואר אשר משה ומשכן — הם ת״ת (ז״א) ומל׳ (אוה״ת פרשתנו ע׳ ב׳רלח) ולמעלה מזה חו״ב (ראה שם ע׳ ב׳רמ).

49) בראשית ב, כד. ומדרז״ל עה״פ.

50) לקו״ת שה״ש מ, א. וראה בארוכה ד״ה שמח תשמח תרנ״ז ע׳ 5 (בסה״מ תרנ״ז ע׳ קעז) ואילך.

51) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 782.

52) ראה לקו״ש חט״ז ע׳ 477. וש״נ.

מלאכת המשכן. זייער עשי׳ דארף זיין דוקא „לאחר שתגמור מלאכת המשכן״[27].

ויש לומר הדיוק בזה: די חלות הקדושה פון לכהנו לי (במשכן[28]) קען זיין נאר ווען ס׳איז דא די מציאות פון אן ארט וואו עס קען זיין „ושכנתי״, ובמילא — ווערט אפשריות המציאות פון לכהנו לי, פון כהונה — לשירות, ערשט דע־מאלט קען זיין „לקדשו, להכניסו בכהונה ע״י הבגדים״[29]; בשעת אבער ס׳איז נאך ניטא די מציאות פון א מקום לשרת, איז ניטא דער ענין פון סוג כהן וקדושת כהן דמשכן[30] (און לבישת בגדים וואס איז א פרט און איז משלים כהונתם[31]):

עד״ז איז בשייכות צו עשיית הבגדים: מציאות עשיית בגדי כהונה איז לאחרי ווי עס איז דא גמר מלאכת (מציאות) המשכן.

ועפ״ז יובן וואס עס האט ניט גע־דארפט זיין „פוקד״ (אויך) בנוגע דעם (חלק ה)זהב וואס פון אים האט מען גע־מאכט די בגדי כהונה:

דער תוכן ופעולת „פקודי המשכן״ איז, כהמשך הכתוב — ווייל ער איז „משכן העדות״, כנ״ל „עדות לישראל שויתר להם הקב״ה על מעשה העגל שהרי השרה שכינתו ביניהם״. ובמילא איז נוגע אז מלאכת המשכן אין וועלכן „השרה שכינתו״ זאל זיין א הקדש וואס איז אינגאנצן שייך לכלל ישראל, אן קיין שום שייכות צו יחידים (שבישראל, אפילו ניט א שייכות דורך עשיית המלאכה, כנ״ל).

משא״כ די בגדי כהונה, וואס זיי זיינען ניט קיין חלק פון מלאכת המשכן נאר נוגע צו עבודת הכהנים, איז כאטש אויך בא זיי איז דער דין אז זיי דארפן זיין פון ממון ציבור[32], איז אבער אין דעם ניטא די הדגשה אז זיי זאלן ניט האבן קיין שום שייכות צו די עושי המלאכה[32*], ווייל זייער מציאות איז ניט קיין חלק פון „משכן העדות״ — מלאכת המשכן.

ועפ״ז יובן ויומתק וואס מען געפינט א חילוק אין דער נדבה: ביי נדבת המשכן שטייט אז מען האט עס אלץ גע־בראכט צו משה׳ן, און בצלאל, אהליאב און כל איש חכם לב האבן דאס גענו־מען „מלפני משה״[33]; משא״כ דער זהב און תכלת כו׳ פון וואס מ׳האט געמאכט די בגדי כהונה, כאטש דאס איז געוועזן „מתרומה המקודשת לשמי״[34], זאגט אבער דער פסוק „והם יקחו את הזהב״[35], „אותם חכמי לב שיעשו הבגדים יקבלו מן המתנדבים את הזהב ואת התכלת לעשות מהן את הבג־דים״[36].

27) ראה גם כלי יקר ד״ה המשכן משכן בארוכה.

28) קדושה חדשה: הקרב גר׳ מתוך בנ״י לכהנו לי.

29) פרש״י תצוה שם.

30) להעיר דאין כהן ובגדי כהונה בבמת יחיד (זבחים קיב, ב. ועוד).

31) וכידוע השקו״ט באחרונים (אתוון דאורייתא כלל יט. בית האוצר מערכת ב כלל יו״ד) אם הבגדי כהונה הוי לצורך כהנים (שאינו נעשה כהן בלי הבגדים) או דהוי לצורך גוף העבודה.

32) ראה יומא שם. רמב״ם הל׳ כלי המקדש פ״ח ה״ז. וראה אוה״ח תצוה כח, א בסופו.

32*) וכן א״צ לשלול (בתכלית) החשש שלא נמסר „יפה יפה״ (וראה נ״כ הרמב״ם שם), שלכן לא הוצרכו להביא נדבה זו למשה (כדלקמן בפנים) — ראה לעיל הערה 19.

33) ויקהל לו, ב־ג. וראה ראב״ע שם, ג שגם מה שהם הביאו עוד נדבה בבוקר בבוקר הביאו אל משה. וראה רמב״ן שם.

34) פרש״י תצוה כח, ד בסופו.

35) תצוה כח, ה.

36) פרש״י שם. וראה ראב״ע, רמב״ן וחזקוני שם. וראה ב״ב ח, ב. ירושלמי שקלים פ״ה ה״ב.





ה. ע״פ הנ״ל וועט אויך צוקומען א תוספת ביאור פארוואס דער ענין האט זיך אויפגעטאן ע״י משה דוקא — אע״פ וואס דער ענין פון מוסרו לציבור יפה יפה[37] בכלל איז דאך אויך ווען מען גיט אפ די זאך צו א גזבר וכיו״ב:

דאס איז ניט נאר מצד דעם ענין הנשיאות של משה[38], נאר (אויך) מצד דעם וואס משה מצד עצמו האט ניט גע־דארפט אנקומען צו דער כפרה שעל ידי המשכן; און ווי גערעדט שוין א מאל[39], אז משה איז געוועזן דער איינציקער וואס האט ניט געהאט קיין שייכות ח״ו צום חטא העגל, אפילו ניט באופן פון „יש בידו למחות״. ובמילא האט ער ניט געדארפט אנקומען צו דעם ענין פון משכן העדות „עדות לישראל שויתר להם הקב״ה על מעשה העגל״.

און דעריבער, אלע אנדערע אידן, מצד דעם וואס זיי האבן געמוזט אנקו־מען צום משכן לכפרה, ווערט דורך זייער התעסקות בעשיית המשכן א שייכות פון די דברים שנעשו על ידם מיט זיי, די עושי המלאכה, ובמילא פעלט דאן אין דער שלימות פון הקדש אלס נכסי ציבור. ובכדי אז ס׳זאל ווערן נכסי ציבור בשלימות (אויך לאחרי עשייתם), האט עס געמוזט זיין ע״פ משה דוקא. ביז אז אויך הקמתו איז גע־ווען דורך משה דוקא, „ויביאו את המשכן אל משה גו׳״[40], מ׳האט אלץ גע־בראכט צו משה׳ן און דוקא על ידו איז אויפגעשטעלט געווארן דער משכן[41].

ו. וי״ל נאך א טעם פארוואס עס איז פארבונדן מיט משה דוקא:

דער אויפטו פון משכן אויף די אנדערע מקדשות איז אין דעם וואס ער איז א נצחי, ווי די גמרא זאגט[42] משנבנה מקדש ראשון נגנז אהל מועד קרשיו קרסיו ובריחיו ועמודיו ואדניו. און דער טעם דערויף איז, ווייל דער משכן איז מעשה ידי משה, איז ניט שייך ער זאל בטל ווערן[43]*.

און דעריבער האט בכל פרט ופרט של העשי׳ געדארפט זיין די פקידה על פי משה נאך זייער עשי׳, בכדי עס זאל זיין אן ענין נצחי.

משא״כ די בגדי כהונה איז דאך ענינם ניט אז די בגדים זאלן בלייבן נצחיים

37) יומא שם.

38) ראה לעיל הערה 19.

39) נדפס לעיל ע׳ 258 ואילך. וש״נ.

40) פרשתנו לט, לג ואילך.

41) תנחומא פרשתנו יא. פרש״י עה״פ שם.

42) סוטה ט, סע״א*. ולכאורה פי׳ דרק המשכן עצמו — בכל פרטיו — נגנז, ולא הכלים** (ומתורצת קושית תוס׳ שאנץ שם). ומוכרח הוא בלאה״כ, דהרי מנורת ושלחן וכו׳ דמשה היו במקדש, ולא נגנזו. — וזהו לכאורה דלא כבפנים. ואכ״מ.

43) וראה צפע״נ עה״ת ר״פ תרומה. לקו״ש חט״ז ע׳ 465 ואילך.

*) תוספתא סוטה רפי״ג. וראה גם תדבא״ר פי״ח. מדרש לקח טוב בשלח טו, יז. פרשתנו לט, מג.

**) אבל באבות דר״נ פמ״א, יב: דברים העשוין וגנוזין אלו הן אהל מועד וכלים שבו וארון שבו כו׳. ובמכילתא יתרו כ, כא בנוגע למזבח הנחושת „ביום שנבנה זה (מזבח של שלמה) נגנז זה״. וכן מפורש ברש״י מלכים ב (טז, יד). וברש״י מלכים א (ו, כ בסופו) דמזבח הזהב של משה נגנז (וראה בארוכה אוה״ח תרומה כה, יוד).

בבמדב״ר (פט״ו, יוד בסופו) ותנחומא (בהעלותך ז בסופו) מפורש „ולפיכך כשחרב ביהמ״ק נגנזה המנורה כו׳״. ומוכח שם דהמדובר במנורה של המשכן. אבל שם מפורש כנ״ל כשחרב ביהמ״ק לא כשנבנה ביהמ״ק כסוטה שם.

— ובכל אופן מדרשות חלוקות בכמה פרטים וארון יוכיח.